# סוכּות-ליד
# ייִדיש-וואָך 2022, קאָפּייק ניו-יאָרק

בענטשט די נרות, עסט די פּירות,
גיסט אָן האָניק, טרינקט דעם ווײַן!
בלײַבט נאָך וואַך, דורכן סכך
באַוווּנדערט דעם לבֿנה-שײַן.

פֿרייט זיך ייִדן, זײַט צופֿרידן,
מיטן גאַנצן הויזגעזינד!
מאַמעס, טאַטעס, קוראָפּאַטעס,
אין דער סוכּה שוין אַצינד.

וואָס מיר רעגן? וועט מען פֿרעגן,
אַז מע זיצט בײַם סוכּה-טיש.
משקה גיסן, מיט אושפּיזין
ברענגט אַהער געפֿילטע פֿיש!

פֿרייט זיך ייִדן, זײַט צופֿרידן,
מיטן גאַנצן הויזגעזינד!
מאַמעס, טאַטעס, קוראָפּאַטעס,
אין דער סוכּה שוין אַצינד.

לאַכט-זשע קינדער, זינגט אַצינדער,
בענטשט דעם לולבֿ, גיט אַ שמעק.
ברענגט די געסט, זויפֿט און פֿרעסט,
איידער סוכּות פֿליט אַוועק.

פֿרייט זיך ייִדן, זײַט צופֿרידן,
מיטן גאַנצן הויזגעזינד!
מאַמעס, טאַטעס, קוראָפּאַטעס,
אין דער סוכּה שוין אַצינד.